און האָב אַפילו די גאַנצע אמונה, אַזש צו קענען
איבערשטעלן בערג, האָב אָבער נישט קיין ליבע,
בין איך גאָרנישט. און ווען איך טייל אויס מײַן 3
גאַנץ פאַרמעגן צו שפּײַזן די הונגעריקע, און
ווען איך גיב איבער מײַן גוף צום פאַרברענען,
האָב אָבער נישט קיין ליבע, העלפט עס מיר
גאָרנישט. די ליבע איז סבלנותדיק, גנעדיק; די 4
ליבע איז נישט מקנא; די ליבע באַרימט זיך
נישט, בלאָזט זיך נישט אָן; פירט זיך נישט 5
אויף אומבאַשיידן, זוכט נישט דאָס איריקע,
דערצערנט זיך נישט, טראַכט נישט קיין בייז.
פריידט זיך נישט אויף קיין עוולה, נאָר פריידט זיך 6
יאָ מיט דעם אמת; זי פאַרדעקט אַלץ, גלייבט 7
אַלץ, האָפט אַלץ; טראָגט אַלץ איבער. די ליבע 8
גייט קיינמאָל נישט אונטער; נאָר אויב עס זענען
פאַראַן נבֿואות, וועלן זיי בטל ווערן; אויב
לשונות, וועלן זיי אויפהערן; אויב דערקענטעניש,
וועט זי אָפּגעשאַפט ווערן. וואָרום מיר דערקענען 9
טיילווײַז, און אונדזער נבֿואות־זאָגן איז טיילווײַז;
ווען אָבער דאָס שלימותדיקע וועט קומען, וועט דאָס 10
טיילווײַזע בטל ווערן. ווען איך בין געווען אַ קינד, 11
האָב איך גערעדט ווי אַ קינד, האָב פאַרשטאַנען ווי
אַ קינד, האָב געטראַכט ווי אַ קינד; ווען אָבער איך
בין געוואָרן אַ מאַן, האָב איך אַוועקגעלייגט די
קינדישע זאַכן. וואָרום איצט זעען מיר אין אַ 12
שפּיגל, אין רעטענישן; דעמלט אָבער פּנים
אל פּנים; איצט דערקען איך טיילווײַז, דעמלט אָבער
וועל איך דערקענען, פּונקט אַזוי ווי איך בין אויך
דערקענט. און איצט בלײַבט אמונה, האָפענונג, 13
ליבע, די דאָזיקע דרײַ; אָבער דאָס גרעסטע פון
די דאָזיקע איז די ליבע.